פארגרעסערטע אויסגאבע לכבוד חנוכה

אינפארמאציע, אנאליז, טיפס און חיזוק פאר'ן גייסטישן געזונט

# נפשן

אינגעוט

בס"ד
נומער #26
חודש טבת תשפ"ב

מאמענט

דער סוד צו פארמיידן **ארגומענטן מיט קאמפליצירטע מענטשן**

שלום בית: **מעג איך אליין אוועקפארן אויף שבת פון שטוב אדער נישט?**

**שווערע שולד-געפילן** נאכ'ן **פארלוסט פון א נאנטן** און וויאזוי עס איבערצוקומען

**מאמענטום:** הרב מרדכי וויינבערגער איבער **דער סוד צו סוקסעס**

אויג צו אויג: **די וויכטיגקייט פון אויגן-קאנטאקט ביים שמועסן**

## איך זוך א נאנטן חבר

אין דער "פריינטשאפט" סעריע, שמועסט ר' יושע לאנגסאם מיט א געוועזענעם בחור איבער דעם פראצעדור פון זוכן און טרעפן נאנטע חבירים



## א נייע הילף פאר'ן קינד

ווען א געווענליך קינד האט א געווענליכן פראבלעם, צו וועמען ווענדט מען זיך? וויאזוי באקומט מען רעגירונגס הילף דערפאר? אין אן ארום-דעם-טיש דיסקוסיע מיט **הרה"ח ר' הערשל ווערטהיימער** און זיינע געטרייע מיטארבעטער פון **"קאמפארט העלט"**, ערקלערן זיי די **נייע פראגראם וואס מאכט א רעוואלוציע** און טוישט דעם וועג וויאזוי קינדער און צענערלינגען באקומען אומזיסטע און צייטליכע באהאנדלונגען און ווי **קיין שום קינד ווערט מער נישט איגנארירט!**

## נייע קאלום

דר. ווארשאווסקי ענטפערט שאלות איבער "ווידשאן טעראפי", פריזם און אלעס בנוגע ראיה

## טראומא נאך דזשערזי סיטי

לעגענדארער טראומא ספעציאליסט, **הרב דר. דוד פאקס** מיט דעטאלירטע אנווייזונגען וויאזוי צו האנדלען נאך א טראגעדיע

בן מנחם: **דער יחיד אינעם מאראטאן**



**הרב אליעזר ראזען**

בילדער: מרדכי ששון

# א נייע עפאכע אין עמאציאנעלע הילף

**ארום דעם טישל דיסקוסיע מיט הרה"ח ר' הערשל ווערטהיימער און זיינע געטרייע מיטארבעטער ר' מאטי סאלאמאן, ר' יהודה שפאנגאלאט און ר' נפתלי טעסלער, די פירנדע מוחות פון הינטער די נייע "קאמפארט העלט" באוועגונג, וואס פארשפרעכט צו רעוואלוציאנירן דעם וועג וויאזוי קינדער און צענערלינגען וואס נויטיגן זיך אין באזונדערע הילף ווערן באהאנדלט, מיט צושטעלן פריע און ארומנעמענדע אינטערווענשאן בכדי צו פארמיידן פון קליינע פראבלעמען צו ווערן גרויסע פראבלעמען**

זיצנדיג אין ווארט זאל א געדולדיגער אויסווארטנדיג ביז צו מיין באשטימטן אוידיענץ יענעם נאכמיטאג, דארט אויפ'ן צווייטן שטאק פון דער פרעכטיגער "המספיק" געביידע וואס באצירט די פערצנטע עוועניו אין בארא פארק, האב איך שנעל עספיעט אריינצובליקן אין דער נארוואס ערשינענער בראשור וואס דארף צו ערקלערן "קאמפארט העלט" מהו, און דערביי זיך אין איילעניש פארצייכנט פארשידענע ראשי פרקים אז איך זאל וויסן אין וועלכער ריכטונג צו ווענדן דעם היינטיגן שמועס.

"ווילסט א קאווע?" פרעגט מיך מיין גאסטגעבער א פריינטליכער בשעת וואס איך מאך מיך באקוועם אויפ'ן ווייסן פאטעל אינעם עלעגאנטן קאנפערענץ צימער ווען צו מיין רעכטער זייט זיצט ר' בן מנחם, דער הויפט רעדאקטאר פון "נפשי", וועלכער האט קלארגעשטעלט אז צוליב די וויכטיגקייט און דורכדרינגליכקייט פון דער נושא וויל ער אנוועזנד זיין ביים שמועס.

איך זיץ אין געגנווארט פון הרה"ח ר' הערשל ווערטהיימער, דער הויפט פון דער ברוקלינער המספיק אפאראט, וועלכער טוט אלעס איך זאל שפירן היימיש און באקוועם. מיט אים געפינט זיך זיין געלונגענע שטאב, ר' מאטי סאלאמאן, ר' נפתלי טעסלער און ר' יהודה שפאנגאלאט, וועלכע זענען קאלעקטיוו די געטרייע און איבערגעגעבענע פירער פון הינטער די נייע "קאמפארט העלט" רעוואלוציע.

"דאס איז נישט נאך א פראגראם אינערהאלב המספיק," אייסערט זיך ר' הערשל נאך א מינוט שטילשווייגעניש ווען ער זוכט די ריכטיגע ווערטער צו ערקלערן במה דברים אמורים. קודם מאכט ער קלאר "וואס נישט" איידער מ'קומט אן צום וואס יא.

"כ'גלייב באמת, אז אונזער נייע דעוויזיע וועט ברענגען א ישועה פאר'ן היימישן ציבור אין תחום פון צושטעלן צוטריטליכע און פראדוקטיווע עמאציאנעלע הילף דארט וואו נויטיג," זאגט ער מיט אייפער און געפיל בשעת וואס ניטאמאל כאפט ער וואס פאר א באמבע ער האט דא אראפגעלאזט אין סאמע מיטן צימער.

מיט יעדער פארבייגייענדער מינוט הייב איך אן טיפער צו באגרייפן דער מאסיווער וואג פון דער פרישער רעוואלוציע וואס וועבט זיך אונטער אונזערע פיס ועד היכן הדברים מגיעים.

## [1] געווענליכע קינדער, געווענליכע פראבלעמען

דאס בילד ווערט וואס אמאל מער קריסטאליזירט.

היינט רעדט מען נישט פון א קינד מיט דאון סינדראם, אדער א קינד מיט אויטיזם, אדער א קינד מיט שווערע פיזישע באגרעניצונגען ווי אראפגעבינדן צו א רעדער-שטול וועמען המספיק באדינט שוין פאר צענדליגער יארן מיט א מסירת נפש און איבערגעגעבנקייט אויפ'ן העכסטן פארנעם, אזש דאס ווארט "המספיק" איז אין אונזער לעקסיקאן כמעט סינאנים מיט די דערמאנטע צושטאנדן. היינט רעדט מען פון א קינד וואס געהערט בכלל נישט אין דעם "ספעציעלן" קאלום. היינט רעדט מען פון א געווענליך קינד! א נארמאל און געזונט קינד וואס לערנט אין א געווענליכן חדר אדער שולע.

ענדליך!

ענדליך האט מען געוואנדן דעם פארגרעסערונג גלאז אין ריכטונג פון "נארמאלע" און געווענליכע קינדער, די שמואלי'ס און יאנקי'ס, די שרי'ס און ברכי'ס, וועלכע זענען געזונט פיזיש ווי גייסטיש און עס פעלט זיי ב"ה גארנישט, אבער...

זיי נויטיגן זיך אין הילף!!!

זיי דארפן עמאציאנעלע הילף אויף קליינליכע פראבלעמען וועלכע שטערן זייער וואוקס. זיי דארפן טריטמענט און טעראפי אויף קליינע אישוס אז זיי זאלן פארבלייבן קליינע פראבלעמען און נישט פארוואנדלט ווערן אין גרויסע פראבלעמען. זיי דארפן באגלייטונג און אבזערוואציע אויף קליינליכע שוועריגקייטן וואס זאלן נישט אויסוואקסן מאנסטערישע שוועריגקייטן וואס פארקריפלען א קינד'ס ערציאונג און וואוקס.

א ביישפיל איז אפילו בלויז לייכטע סימפטאמען פון ADHD אדער שטריכן פון OCD צי ענליכס, וואס מ'קען זייער גרינג אוועקמאכן מיט א מינע מיט דער האנט אבער אליבא דאמת טארן די סיגנאלן נישט איגנארירט ווערן ווייל דאס מציאות איז אז פראבלעמען אנטלויפן נישט פון זיך אליין. צום באדויערן ווערן זיי בלויז גרעסער.

אונטער דער שיין-קלינגעדיגער "קאמפארט העלט" לאגא, ווער איך היינט געוואויר אז עס ליגט באהאלטן גוטע און פרייליכע נייעס פון היסטארישער פראפארציע אויף וועלכע אזויפיל עלטערן און מחנכים קוקן שוין ארויס פאר אזויפיל יארן, אז עס איז דא צו באקומען הילף אויף געווענליכע פראבלעמען.

די נייעס איז פילפאכיג. עס איז דא הילף; עס איז דא ווער עס זאל העלפן; עס איז דא ווער עס "וויל" העלפן; עס איז דא ווער עס "קען" העלפן מיט די נויטיגע ערפארונגען, רעסורסן, שטאב, פראגראמען און פאנדן -- נישט עפעס א פרישע קוואל וואס האט נישט קיין ערפארונג און וויל עקספערימענטירן, נאר עס איז אונטער די פליגל פון דעם העכסט סוקסעספולן און פרעסטיזשפולן "המספיק"; ועל כולם, די מאס הילף, דער נייער רעוואלוציאנירנדער מהלך וויאזוי א קינד ווערט באהאנדלט און וויאזוי אלע זיינע געברויכן ווערן באהאנדלט און ארומגענומען איז אויף אן אמת פרעצעדענטלאז.

## א חלל ווערט ערפילט

איך פרוביר צו פארדייען וואס איך הער און איך פרעג מיינע גאסטגעבער צי איך טייטש ריכטיג אויס זייערע ווערטער, נעמליך, אז דער גרעסטער לאך וואס מוטשעט היימישע מוסדות און שטיבער אינערהאלב דער גאנצער היימישער חינוך סיסטעם, ווערט יעצט אדרעסירט און ערפילט.

ביז יעצט האט מען געהאלפן קינדער מיט קריטישע פראבלעמען און אצינד העלפט מען יעדן.

ביז יעצט האבן עלטערן געבלוטיגט אויפצוקומען מיט פאנדן ווען די רעגירונג האט נישט געוואלט דעקן די אויסגאבן און אצינד קען מען בעז"ה באקומען פולע דעקונג פאר כמעט יעדן קינד.

ביז יעצט האט מען זיך געמוטשעט אויפצוקומען מיט די ריכטיגע דיאגנאזן און באהאנדלונגען, אצינד ווערט אלעס צוגעשטעלט אונטער איין דאך אונטער פראפעסיאנעלער באגלייטונג.

ביז יעצט האט מען באהאנדלט איין פראבלעם אין א קינד און אין דער זעלבער צייט איגנארירט דריי אנדערע פראבלעמען, פון היינט און ווייטער ווערט קיין שום פרט פונעם וואוילזיין פון א קינד נישט איגנארירט (ווי שפעטער געשילדערט).

אלע פיר קעפ שאקלען צוזאמען ארויף און אראפ אין צושטימונג מיט צופרידענע מינעס אויף זייערע פנימ'ער.

## אלעס וואס דאס קינד נויטיגט

"ס'איז זייער א טיפע נקודה," אייסערט זיך ר' מאטי איבער דער ווייטגרייכנדקייט פון די נייע 'קאמפארט העלט' סערוויסעס, "ווייל מיר טוישן אצינד דעם גאנצן צוגאנג פון קעיר: מ'קוקט נישט בלויז אויפ'ן קליינעם בילד נאר אויפ'ן גרויסן בילד."

ער לאזט זיך אריין אין א לענגערן שמועס ווי ער באטאנט אז דער חידוש פון "קאמפארט העלט" איז נישט נאר אז מ'האט אידענטיפיצירט א געוויסע קלאס פון קינדער צי צענערלינגען וואס אליבא דאמת נויטיגן זיי זיך אין הילף אבער זענען ביז היינט ליידער אין פיל פעלער איגנארירט געווארן אדער עכ"פ נישט באקומען די נויטיגע פאקוס ווי עס פארלאנגט זיך. דאס איז בלויז חידוש א'.

חידוש ב' איז דער שטאפל פון קעיר און הילף וואס ווערט פראקטיצירט אונטער די ראמען פון 'קאמפארט העלט', וואס איז נישט דא בלויז צו באהאנדלען א פרטיות'דיגע שוועריגקייט פון א קינד אדער צענערלינג, נאר נעמען דאס קינד אונטער געניטע און פראפעסיאנעלע פליגלען, וועלכע וועלן ריכטיג אפשאצן דעם צושטאנד פונעם קינד און זען אלץ אין וואס ער נויטיגט זיך.

"קיין שטיינדל ווערט נישט געלאזט אומגערירט," זאגט ר' יהודה שפאנגאלאט. ווייל יעדעס פרט פונעם קינד'ס לעבן באקומט איבערזיכט און מ'מאכט זיכער אז ער געפינט זיך אין דער בעסטער סביבה און גארנישט שטערט נישט זיין נאטירליכע וואוקס און שטייגונג.

ר' נפתלי טעסלער וויל מיר זאלן באגרייפן די ווייטגרייכנדקייט פון זייערע ווערטער, גיט ער אונז א פשוט'ע אילוסטראציע צו פארשטיין געבן דער נייער צוגאנג וואס 'קאמפארט העלט' ברענגט צום טיש:

"אמאל איז דא א קינד וואס ווערט דיאגנאזירט מיט ADHD און ער דארף הילף דערויף. ביז היינט האט מען זיך פשוט אפגעגעבן מיט'ן גרויסן פראבלעם, מיט'ן ריזיגן עלעפאנט אין צימער וואס הייסט ADHD. דער אמת איז אבער אז באהאנדלען דעם ספעציפישן פראבלעם איז ווייט נישט גענוג, ווייל אמאל איז דער פראבלעם בלויז דער בוים און עס האט פילע פראבלעמאטישע צווייגן.

"דאס קינד באקומט באהאנדלונג אויף ADHD אבער וויאזוי זעט אויס די באציאונגען מיט זיינע\אירע מלמדים\לערערינס אין קלאס אדאנק דעם קינד שוועריגקייטן? וואס פאר אן עפעקט האט דער צושטאנד איבערגעלאזט אויף די סאציאלע סקילס זיך אויסצוקומען מיט חברים\חבר'טעס? וויאזוי איז אפעקטירט געווארן די באציאונגען צווישן דעם קינד מיט זיינע עלטערן? האלט ער\זי מיט די לימודים אין שולע\חדר? אפשר איז ער\זי ארויסגעפאלן און פאדערט באזונדערע הילף מיטצוהאלטן די סדר הלימודים אין שולע? אפשר ליידט דאס קינד פון סטרעס און ענקזייעטי אדאנק זיינע שוועריגקייטן ביז אהער? וכהנה וכהנה קענען זיין אן א שיעור נאכפאלגן וואס זענען אלע טאקע בשורשו פון זיין הויפט פראבלעם אבער עס מיינט נישט אז די אלע זייטיגע שוועריגקייטן פאדערן נישט קיין באהאנדלונג.

"ס'איז אומרעאליסטיש צו טראכטן אז מיט'ן באהאנדלען איין גרויסן בער וועלן אלע פראבלעמען אוועקפאלן", ערקלערט ר' הערשל ווערטהיימער. "א פראבלעם האט געווענליך נאכפאלגן און מ'דארף פון 'אלעם' קעיר נעמען און זיכער מאכן אז דאס קינד ווערט ריכטיג באהאנדלט פון יעדן אספעקט."

הילף, אבער אן קיין סטיגמע. טאקע ווייל די רעדע איז פון געווענליכע קינדער וועלכע נויטיגן זיך אין פראפעסיאנעלע באהאנדלונג פאדערט זיך צו שפאצירן אויף גאר א דינע שטריק.

"אזא קינד וויל מען באדינען מיט פראפעסיאנעלע הילף אויפ'ן העכסטן שטאפל וואס די מעדיצינישע וועלט שטעלט פאר," מאכט ר' הערשל קלאר, "אבער דאך וויל מען עס זאל זיין אן קיין סטיגמע, טאקע ווייל דעם קינד פעלט באמת גארנישט און ס'איז נישטא קיין שום סיבה אדער רעכט צו סטיגמאטיזירן זיין קליינעם פעלער."

## אויף טרויבארע פונדאמענטן

וואס די קאמפארט העלט פיאנערן האבן באלד אין אכט גענומען איז דער פשוט'ער פאקט אז אז די קינדער באלאנגען בכלל נישט אין אזא סארט מוסד ווי וואס "המספיק" האט צוגעשטעלט ביז'ן היינטיגן טאג. דאס איז א גענצליך באזונדערע קאטעגאריע פון יעדן הינזיכט. טאקע דערפאר האט מען עס אוועקגעשטעלט אלס א באזונדערער מוסד מיט א נייעם נאמען, וואס זאל זיין אויסגעשטעלט אויף א ספעציעלן אופן דווקא פאר די געווענליכע קינדער. מיט'ן אוועקשטעלן קאמפארט העלט אלץ א גענצליך באזונדערע און נייע דעוויזיע טוט עס ריכטיג אונטערשטרייכן אז די רעדע איז נישט פון נאך א פראגראם נאר עפעס וואס איז בכלל נישט געווען ביז היינט.

דער נאמען "קאמפארט העלט" טוט ריכטיג סימבאליזירן דער ציל און מאטא פון אונטער דעם מוסד, אז די הילף און שטיצע וואס דאס קינד דארף אזוי וויכטיג באקומען, ווערט געגעבן אויף אן אויסטערלישן באקוועמען אופן, אויף א פארנעם וואס דאס קינד באקומט זיין גאנצע הילף אן שפירן געטראפן און קיין שום סטיגמע וועט נישט באגלייטן דאס קינד שפעטער צוליב דעם פאקט אז ער\זי האט אמאל געדארפט צוקומען צו באזונדערע הילף.




ר' הערשל באטאנט ווי נאך אסאך מחשבה איז געבליבן עס צו לאזן ווי נאך א דעוויזיע פון המספיק, טאקע ווייל המספיק איז א ברענד וואס האט די לאנגיעריגע טראסט פונעם ציבור און ער קען זיך נישט ערלויבן צו פארציכטן אויף דעם טרויבארן נאמען וואס המספיק האט איינגעקויפט דורכאויס די פילע יארן. "אזוי ווייסן מענטשן אז מ'רעדט נישט דא פון קיין ניי-געקומענער אויפ'ן מארקעט נאר די זעלבע פראפעסיאנעלע פירמע וואס סערווירט שוין דעם ציבור פאר אזויפיל יארן."

און מיט'ן עס אפטיילן אין א באזונדערן ברענד וועלן מענטשן כאפן אז דער קליענטעל איז א באזונדערער, וויבאלד המספיק איז נישט געווען אזוי ווייט אויסגעשטעלט מיט סערוויסעס פאר'ן אלגעמיינעם ציבור נאר פאר די "דעוועלאפמענט דילעיד" און פיזיש-באגרעניצטער קליענטעל. אצינד האט מען די נייע 'קאמפארט העלט' מיט די מאסיווע רעסורסן און ערפארונג פון המספיק, אבער דער קליענטעל איז דער געווענליכער מענטש און דאס געווענליך קינד וואס נויטיגט זיך אין סיי וועלכע הילף.

## [2] די רעגירונג וויל העלפן

אלעס האט זיך אנגעהויבן דעם פארלאפענעם יולי 1 למספרם ווען עס זענען געעפנט געווארן די טויערן פון קאמפארט העלט. אויף מיין פראגע מה היום יומיים, וואס איז געווען ביז יעצט? און וואס געווני האט זיך געטוישט אז מ'האט געקענט אוועקשטעלן אזא ברייט ארומנעמענדע פירמע מיט אזויפיל נייע דערהערן אין סערוויסעס און הילף? לאזן זיך מיינע גאסטגעבער אריין אין א לענגערן שמועס אז איך זאל האבן קלארקייט אין דער נושא פון דעקונג וואס די רעגירונג גיט פאר מענטשן וואס נויטיגן זיך אין הילף.

OPWDD (אקראנים פאר "א'פיס פ'יפעל וו'יט ד'עוועלאפמענטאל ד'יסעביליטיס") איז דער נאמען פון דער שטאטישער אגענטור אין ניו יארק וואס באהאנדלט מענטשן מיט לעבנסלענגליכע דיסעביליטיס. צו גענוסן פון סערוויסעס פון דער ארגאניזאציע דארף מען נישט מער ווי איינמאל באשטעטיגט ווערן, און דער קליענט בלייבט אויף דער ליסטע פאר'ן גאנצן לעבן, פאר דער פשוט'ער סיבה אז אין געווענליכע פעלער איז נישט שייך קיין טויש אין סיטואציע און דער מענטש פארבלייבט אלעמאל מיט זיינע באגרעניצונגען.

די אינדיווידועלן דארפן הילף במשך זייער גאנצן לעבן און וואס מ'קען טון איז צו פארבעסערן זייער מצב און ארויסהעלפן מיט וואס נאר מעגליך זיי צו פארגרינגערן אין טאג טעגליכן לעבן, זיי באגלייטן און סערווירן זייערע געברויכן און זיכער מאכן אז זיי באקומען די בעסטע קעיר און הילף לויט זייערע אומשטענדן.

דאס רעכנט אריין אינטעלעקטועלע דיסעבילטיס ווי אויטיזם אדער דאון סינדראם, וואס זענען פערמאנענטע באגרעניצונגען, ווי אויך פיזישע לאנגטערמיניגע דיסעביליטיס ווי א מענטש וואס איז אראפגעבינדן צו א ווילטשעיר און ער קען נישט גיין אויף די פיס, וכו'.

דערנאך איז פארהאן אצינד א באזונדער סארט הילף דעקונג וואס די רעגירונג שטעלט צו פאר א געוועגליך קינד וואס פעלט אים גארנישט נאר ער האט א זייטיגער פראבלעם וואס דארף צייטווייליג באהאנדלט ווערן מיט'ן ציל פטור צו ווערן פונעם פראבלעם און אנקומען צו א מצב וואס דאס קינד וועט מער נישט דארפן צוקומען צו הילף.

אין א דראמאטישע און ווייטגרייכנדע טויש האט די רעגירונג לעצטנס געלאזט אין גאנג פארשידענע נייע פראגראמען אז אזא קינד זאל אויך קענען באקומען פאנדס פון דער רעגירונג פאר באהאנדלונג. פארשטייט זיך אז נאך א שטיק צייט וועט זיך פאדערן א פרישע אפשאצונג צי דאס קינד נויטיגט זיך נאך אין הילף אדער מ'האט שוין דערגרייכט דעם ציל און ער דארף מער נישט קיין הילף.

## פרישע מעדיקעד פאנדן

וואס די רעגירונג האט געטון איז געווען אז זיי האבן איינגעטיילט די באטרעפנדע אין צוויי קלאסן. איינס איז די רעדע פון קינדער פונעם געבורט ביז די 21 יאר אלט און די צווייטע קלאס איז ערוואקסענע העכער 21 יאר אלט.

ווען די רעדע איז פון א קינד אין א יונגן יארגאנג, האלט די רעגירונג אז טאמער דאס קינד האט בלויז איין כראנישע פראבלעם, צום ביישפיל, א הארץ פראבלעם, אדער אסטמא, צי כדו', דארפן זיך די עלטערן קענען אפגעבן מיט'ן קינד אין געוועגליכע פעלער און ס'פאדערט זיך נישט קיין באזונדערע אינטערווענירונג סיידן די געוועגליכע דעקונג אויף מעדיקעיד וכדו'.

וואס טוט זיך אבער ווען א קינד ליידט פון צוויי כראנישע פראבלעמען אויפאמאל, וואס זאל זיך ליידער נישט מאכן אבער איז עפעס וואס פאסירט, דעמאלט אנערקענט די רעגירונג אז ס'איז שטארק מעגליך אז די עלטערן קענען זיך שוין נישט אפגעבן מיט'ן קינד בשלימות און ס'קומט זיך זיי מער הילף, אז נישט וועט דאס קינד ווערן נאכגעלאזט און ווידער מיט'ן חשבון אז טאמער וועט מען זיך נישט ריכטיג אפגעבן מיט'ן קינד בשלימות וועט ער ממילא איין טאג



מיט'ן באהאנדלען די פראבלעמען אין די ערשטע פאזעס ווען זיי זענען נאך קליין, שפארט זיך די רעגירונג מיליאנען אין מעדיצינישע דאלארן. אויסער דעם איז עס פשוט די ריכטיגע און בעסערע מהלך ווייל פארוואס זאל מען ווארטן ביז דער מענטש איז שוין חרוב ונחרב און מ'קען אים שוין קיין סך נישט העלפן.



צוזאמברעכן ה"י און אנקומען אין שפיטאל און אפקאסטן מיליאנען דאלארן פאר דער רעגירונג.

ווען די רעדע איז אבער פון עמאציאנעלע פראבלעמען ווי ADHD, OCD, אן עסן דיסארדער, דעפרעסיע, אד"ג, אין אזא פאל, אפילו טאמער דאס קינד זאל נאר ליידן פון איין פראבלעם, פארשטייט די רעגירונג אז אזא קינד קומט זיך באזונדערע הילף.

אט דער פרישער פראגראם איז שפאגל ניי און האט זיך, ווי ערוועהנט, געעפנט מיט אייניגע חדשים צוריק און מיט פיל ערפאלג, אזש אין אזא קורצער צייט האבן זיך שוין איבער הונדערט קינדער איינגעשריבן אינעם פראגראם אונטער 'קאמפארט העלט'.

## פארמיידן, ווי איידער היילן

"אודאי איז די רעגירונג א מלכות של חסד," ענטפערט ר' הערשל אויף מיין שאלה וועלכע אינטערעסע זיי האבן אין בויען דעם פרישן קוואל פון סערוויסעס, אבער ווי ער טענה'ט שטעקט אויך עפעס טיפערס אונטער דעם. זיי מיינען זייער טובה אויך געגוי ווי זיי מיינען די טובה פון די ניו יארקער בירגער, און גארנישט בחנם האט די רעגירונג אוועקגעשטעלט די נייע סערוויסעס און אויסוואלן.

טעכניש גערעדט, זענען די נייע פראגראמען אין רעזולטאט פון די פראגרעסיווע ווינטן וואס בלאזן אין די רייען פון מעדיקעיר זינט די 'עפארדעבל קעיר אקט' איז אריין אין קראפט, וואס ברענגט אז די רעגירונגס אגענטור זאל קוקן גינסטיג אויף פארגרעסערע סערוויסעס און זיין מער ברייטהארציג צו די געברויכן פון קינדער.

אז מ'קוקט גרינטליכער איז דער ציל פון דער רעגירונג אז זיי ווילן פארמיידן קליינע פראבלעמען זאלן פארוואנדלט ווערן אין גרויסע פראבלעמען, פשוט פון א פינאנציעלן שטאנדפונקט. זיי ווייסן אז פראבלעמען וואס ווערן נישט באהאנדלט גייען נישט אוועק פון זיך אליין און סוף כל סוף וועט די רעגירונג מוזן אינטערווענירן און דעמאלט ענדיגט זיך עס מיט האספיטאליזאציע אדער נעמען דעם מענטש און אריינשטעלן אין אן אנשטאלט וואס די רעגירונג דארף באצאלן, וואס דאס שלעפט אריין אין קאסטן פון מיליאנען און ביליאנען דאלארן וואס באדראעט גאנצעטע בודזשעטן פון שטאטן וואס דערהייבן נישט זייערע מעדיקעיר קאסטן.

מיט'ן באהאנדלען פראבלעמען אין די ערשטע פאזעס ווען זיי זענען נאך קליין, שפארט זיך די רעגירונג מיליאנען אין מעדיצינישע דאלארן. אויסער דעם איז עס פשוט די ריכטיגע און בעסערע מהלך ווייל פארוואס זאל מען ווארטן ביז דער מענטש איז שוין חרוב ונחרב און מ'קען אים שוין קיין סך נישט העלפן.

"אנשטאט אריינקומען אין בילד ווי פייערלעשער ווען עס ברענט שוין א פייער, פארמיידן זיי דעם פייער אינגאנצן," גיט ר' מאטי א זאכליכע אנאלאגיע.

"'פריוועגטשן קעיר' רופט זיך עס," לייגט צו ר' נפתלי.

## [3]
## יעדער קען געניסן

אויף מיין פראגע ווען מ'קען אלץ אנשליסן אין דעם פראגראם ענטפערט ר' הערשל אז ער קען געבן די גאראנטי אז סיי וועלכע קינד נויטיגט זיך אין הילף, וועט באקומען זיין הילף, און א קינד וואס האט באמת א געברויך זיך צו באפאסן מיט אים\איר וועט מען בעז"ה קענען באשטעטיגן אינעם פראגראם, ווייל טראץ וואס די פארשריפטן זענען דעפינירט איז עס דאך גענוג ברייט און מיט גענוג פלאץ ביים טיר אריינצונעמען די קינדער וואס דארפן עס אממערסטנס.

ר' הערשל גיט א ביישפיל ווי דער טערמין "דעפרעסיע" קען אנטהאלטן פיל. אז א קינד קומט פון א שווערער שטוב, אדער אויב קומט ער פון א שטוב וואס איז נארוואס דורך א טראומא ווי פארלוירן א משפחה מיטגליד ה"י, אדער עס האט פאסירט א פייער אין שטוב און דאס קינד דארף הילף צו באהאנדלען זיין\איר פחדים, קען מען זייער גרינג באשטעטיגן הילף פאר זיי.

"אוודאי דארף מען עס קענען אונטערשטיצן," באטאנט ער ווי מ'קען נישט סתם מאכן קיין דיאגנאזן אויסגעווארפן פון לופט, אבער אין פאל וואס דער געברויך איז דא וועט מען בעז"ה קענען באשטעטיגן די הילף.

מיט א טיפערן בליק זאגן זיי אז דוקא ווייל מ'באהאנדלט דעם גרויסן בילד און אנשטאט אריינקוקן אינעם פראבלעם מיט א פארגרעסערונגס גלאז, פארבלייבט מען מיט אן אדלערישן בליק און מ'נעמט ארום דעם גאנצן קינד און אלע זיינע געברויכן, קען מען בע"ה אנקומען פיל ווייטער.

## א באגלייטער פאר א קינד

א קינד וואס האט נישט געהאט דאס בעסטע לעבן, א טראומא אין שטוב אדער עמאציאנעלע פראבלעמען, ווי אנארעקסיע אדער ADHD, און זיין מוסד האט געארבעט אויפ'ן ספעציפישן פראבלעם, קען אבער נאך אלץ פעלן אזויפיל שטיקלעך פונעם פאזל. ווען דער קלאס האט געלערנט האט ער געפעלט, ער קען שוין נישט איינזיצן פאר א שיינע פאר יאר או"ו, שפעטער קלאפט עס אויס אויף מיטהאלטן די לימודים. און וואס איז יעצט? טאמער דער טאטע האט געלט נעמט ער אויף א פריוואטן מלמד זאל צולערנען מיט'ן קינד און טאמער נישט, לאזט מען עס לויפן מיט דער האפענונג אז אלעס וועט פון זיך אליין פאלן אין פלאץ.

"פראבלעמען ארבעטן ווי א דאמינא שפיל," ערקלערן זיי אלע ווי אין א כאר, "וואס האט מען פון דעם אז דאס קינד זעט א פראפעסיאנאל איינמאל א וואך אין א קליניק, און וויפיל קען ער שוין העלפן צו פארבעסערן זיין אלגעמיינעם מצב."

דאס קינד גייט אין חדר און ער האט, צום ביישפיל, אן ענקזייעטי דיסארדער, די תוצאה דערפון איז אז ער קען מער נישט פאקוסירן אין קלאס און ער הערט נישט אויס דעם רבי'ן און ער פאלט ארויס פון די לימודים. דאס ברענגט א פרישע פראבלעם, אז ער האט סאציאלע

שוועריגקייטן, ווייל סיי ער איז געקלאפט ביי זיך און סיי וואס ער איז אראפגעקוקט ביי די חברים. סוף וואך קען ער גארנישט ווערט ער צעבראכן ווי א שארבן און דאס קלאפט אויס אין שטוב אזוי זאמלען זיך פראבלעמען על גבי פראבלעמען.

איין טאג ווארפט מען אים ארויס פון חדר ווייל ער רודפ'ט אנדערע קינדער און איז נישט צום אויסהאלטן און יעצט קומט אריין א טעראפיסט צו קעיר נעמען פון זיין בוליאינג, אבער איין מינוט, די גאנצע סיבה פארוואס ער טשעפעט אנדערע איז א צוואנציגסטע תוצאה פון א קייט רעאקציע פון פראבלעמען. "אז מ'נעמט נישט ארום דעם גאנצן קינד זעט מען אפט נישט אז ס'איז דא צו זיין פראבלעם טיפע שרשים."

די נאכפאלגן קענען זיין ביטערער פון ביטער. וואס ווערט מיט אזא קינד? אין דער אלגעמיינער וועלט קומט ער אפט אן אין תפיסה אדער אין אן אנשטאלט, און ביי אונז קען דאס צומאל באדייטן אז ער בלייבט אן א ישיבה, אן א שולע, זאל דער אויבערשטער אפהיטן.

מיט'ן נייעם הילף פראגראם באקומט יעדעס קינד א פערזענליכע קעיר מענעדזשער וואס דינט ווי א באגלייטער וואס זאל ארומנעמען דעם מענטש פון אויבן ביז אראפ און נישט איבערלאזן קיין שטיינדל אומאויפגעאקערט.

און דאס איז די געוואלדיגע נייעס, אז דאס בענדל איז אויסגעברייטערט געווארן. "ביז יעצט האט מען געקענט צושטעלן א קעיר מענעדזשער נאר ביי עקסטרעמע פעלער, יעצט איז דאס געווארן א נחלת הכלל."

## [4]
## דער קעיר מענעדזשער

אינדווידואליסטישע אטענשאן איז דער שליסל און מאכט א וועלט א חילוק.

דער יסוד ושורש הדבר וויאזוי דער נייער פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן און דער פאקט פארוואס ס'איז אזוי ווייטגרייכנד איז ווייל עס ווערט צוגעשטעלט אן אינדיווידועלן און פראפעסיאנאלן "קעיר מענעדזשער" אויף יעדן אינדיווידועלן קינד, וואס ווערט אזוי ווי דער פולער אפוטרופוס פאר אלע געזונט געברויכן פון דעם קינד.

צו ווערן אויפגענומען אלס א קעיר מענעדזשער אינערהאלב 'קאמפארט העלט' דארף מען דורכגיין א גרינטליכע סקרינינג פראצעדור צי מ'איז געאייגנט פאר דער אחריות'דיגער פאזיציע. א קעיר מענעדזשער דארף האבן א ישיבה בעטשלער'ס און די ריכטיגע כלים און תכונות הנפש פאר אזא אמט. וויכטיגער פון אלעם דארף ער\זי האבן דאס הארץ און די ריכטיגע קשר מיט'ן קינד.

פון יעצט און ווייטער וועט ער\זי האלטן די אויגן אפן און באגלייטן דעם קינד אין אלע זיינע היניזיכטן. אנגעהויבן מיט דיאגנאזירן, טרעפן דעם פראבלעם און אויפקומען מיט די ריכטיגע דאקטוירים און מעדיצינען ווען עס פעלט זיך אויס.

דער קעיר מענעדזשער מיט דער צוזאמענארבעט פון די עלטערן זענען קובע דעם געברויך און ער איז ווי דער אדוואקאט און אפוטרופוס פאר'ן קינד צוצושטעלן אלעס וואס נויטיג. אנגעהויבן פון אויסוועלן דאקטוירים און טריטמענט, באגלייטן די אפוינטמענטס און זיכער מאכן פולשטענדיגע קאאפעראציע פון אלע פארטייען ווי דאקטוירים, טעראפיסטן, מלמדים\לערערינס און עלטערן אז אלע זענען אויף איין בלעטל און יעדער טוט זיין חלק פאר'ן וואוילזיין פונעם קינד.

אנשטאט אריינברענגען נייע מענטשן אינעם בילד, באנוצט מען זיך מיט א גאר אפעקטיווע סטראטעגיע ווי די קעיר מענעדזשערס זענען אט די איבערגעגעבענע מחנכים און הארציגע לערערינס וואס זענען שוין באהאוונט מיט'ן קינד און געפינען זיך נעבן אים במשך רוב שעות פונעם טאג, ווי שפעטער ערקלערט.

נישט יעדער קעיר מענעדזשער וועט זיין באאויפטראגט אויף די זעלבע צאל קעיסעס. אויב רעדט מען פון לייכטערע פעלער וועט דער קעיר מענעדזשער באגלייטן איינינגע אויף אמאל. אויב רעדט זיך עס פון מער קאמפליצירטע וועט דער קעיס מענעדזשער זיצן בלויז אויף איינצלנע קעיסעס זיכער צו מאכן אז זיי באקומען די פולע אויפמערקזאמקייט.

דער קעיר מענעדזשער וועט כסדר איבערגעבן באריכטן פאר די שטאב פון פראפעסיאנאלן פון 'קאמפארט העלט' איבער דעם צושטאנד פונעם קינד. יעדע קעיס ווערט באזונדער באהאנדלט און מ'מאכט א פלאן מיט מערערע פראפעסיאנאלן אויף וואס מ'גייט ארבעטן און אויף וועלכע היניזיכטן מ'גייט זיך קאנצענטרירן ארום דעם קינד.

די ארבעט איז נישט אלעמאל גלייך און ווענדט זיך לויט די ספעציפישע רעדע, צי פיזישע געזונט אישוס צו מענטל העלט, וועט מען זיכער מאכן אז דאס קינד קומט אן צו די ריכטיגע הענט און ווערט באהאנדלט דורך דעם בעסטן דאקטאר געאייגנט פאר זיין פאל.

'קאמפארט העלט' פארמאגט א גוניטע רעפערלס אגענטור וואס שטייט אין פארבינדונג מיט די בעסטע דאקטוירים צו פארזיכערן אז מ'האט די פאסיגע שטאב פאר יעדן פאציענט, ווי אויך וועלכע טעראפי איז שייך און וואס איז נויטיג.

דער קעיר מענעדזשער וועט זיצן בכובד ראש און אפשאצן דעם מצב פונעם קינד. ער וועט דערנאך אריינגעבן פאר 'קאמפארט העלט' אן "אסעסמענט" און פארלייגן פאר די עלטערן וואס פאר א סערוויסעס און הילף מעגליכקייטן עס איז עוועילעבל פאר'ן קינד אן וואס די עלטערן זאלן דארפן אינוועסטירן א פרוטה פון זייער זייט. וויכטיגער פון אלעם איז אוועקשטעלן אז דאס קינד זאל זיין אין א גוטער סביבה במשך דעם גאנצן טאג, אז ער מאכט פארשריט אין שולע און אינדערהיים און ער געפינט זיך אין א גוטן מצב.

"אלעס הויבט זיך אן מיט עוואליועישאן און אפשאצונג," באטאנט ר' הערשל. ווי קלארער דאס בילד איז, ווי מער אינפארמאציע מ'ווייסט איבער דעם קינד, אלץ בעסער קען מען אים באהאנדלען.

"זייט אויפריכטיג איבער דעם מצב," איז ר' הערשל'ס עצה פאר עלטערן ווען'ס א קינד קומט אן אונטער די פליגלען פון א קעיר מענעדזשער, ווייל ווען מ'איז אויפריכטיג און מ'געט איבער די ריכטיגע צושטאנד פונעם קינד, קען מען באקומען א קלארן בילד וואו דאס קינד שטייט און גייט און מ'קען אידענטיפיצירן וואס זענען זיינע נקודות וואס פאדערן הילף.

א ביישפיל איבער דער ווירקזאמקייט פון א נאנטן קעיר מענעדזשער און ווי דוקא ווען מ'איז נאנט פארבינדן מיט א קינד און מ'באגלייט אים אויף יעדן טריט און שריט קען מען אים ריכטיג ארויפברענגען אויפ'ן קומענדיגן שטאפל, פארציילט ר' מאטי אן עפיזאד וואס האט זיך אקארשט אפגעשפילט:

די רעדע איז פון א קינד וואס האט געליטן פון געפערליכע סאציאלע סקילס אין רעזולטאט פון א טראומא. אויסער וואס די טראומא איז באהאנדלט געווארן האט דער קעיר מענעדזשער צוגעשטעלט א פריוואטער מלמד וואס זאל לערנען מיט'ן קינד אבער נישט בלויז אז דאס קינד זאל זיך קענען מיטכאפן מיט די לימודים און חדר, נאר אן עיקר ארבעט איז געווען צו ארבעטן אויף די סאציאלע סקילס פונעם קינד.

וואס דער פריוואטער רבי האט געטון איז געווען א גאנצע רייע פון איבונגען. ווען ס'איז אנגעקומען צו א שווערע קשיא אין דער גמרא, אנשטאט אים זאגן דעם תירוץ האט ער אים געשיקט פרעגן דעם מגיד שיעור. קודם האט זיך דאס קינד אויסגעלערנט פשוט צו נעמען די שטארקייט און נארמאל רעדן צו א צווייטן, פרעגן ווען מ'ווייסט נישט עפעס און אויסהערן וואס יענער האט צו זאגן.

אביסל שפעטער ווען ס'איז געקומען עפעס צו פרעגן אין דער גמרא האט ער אים געשיקט פרעגן א חברותא וואס איז גוזיסן דערנעבן; ווען ער איז שוין געווען גענוג שטארק האט ער אים געשיקט פרעגן פון א מגיד שיעור פון א צווייטער כתה אא"וו. אזוי האט זיך צוביסלעך דער בחור'ל אנגעהויבן ברעכן און זיך אויסלערנען וויאזוי צו קאמוניקירן מיט מענטשן נארמאל מיט געזונטע קאמוניקאציע סקילס.



> אזוי האט זיך צוביסלעך דער בחור'ל אנגעהויבן ברעכן און זיך אויסלערנען וויאזוי צו קאמוניקירן מיט מענטשן נארמאל מיט געזונטע קאמוניקאציע סקילס.

אין פיל פעלער וועט דער קעיר מענעדזשער צושטעלן א "פאמיליע קעיר גיווער" ווייל אפט פאדערט זיך טרענירונג און הילף פאר די גאנצע פאמיליע וויאזוי זיך אומצוגיין מיט דעם ספעציפיש קינד. און אויב דער קעיר מענעדזשער קומט צו דער הכרה אז די פאמיליע האט נישט די ריכטיגע מיטלען וויאזוי צו באהאנדלען דאס קינד'ס פראבלעם וועט מען צושטעלן פאר די שטוב מיטגלידער טרענירונג און אריינברענגען א מענטש וואס וועט אויסלערנען די געשוויסטער וויאזוי זיך אפצוגעבן מיט'ן קינד'ס פראבלעם און וויאזוי די שטוב וועט ארויסהעלפן אז דאס קינד זאל קענען דערגרייכן זיינע געוואונטשענע צילן.

### קעיר מענעדזשער פאר ערוואקסענע

ווי ערוועגט אנהויב שמועס, האט די רעגירונג אויסגעברייטערט די סערוויסעס פון א קעיר מענעדזשער פאר קינדער און צענערלינגען ביז 21 יאר וואס האבן סיי וועלכע עמאציאנעלע שוועריגקייטן אבער אויך ערוואקסענע פון 21 יאר און העכער קענען געניסן פון א קעיר מענעדזשער אין פאל זיי האבן צוויי אדער מערערע כראנישע פראבלעמען.

ר' הערשל באטאנט ווי דאס קומט זייער צונוץ ארויסצוהעלפן אן עלטערן איד אדער אידענע, אז עס זאל זיין עמיצן וואס זאל שטיין אויף דער וואך איבער אלע זיינע\אירע געזונטהייט געברויכן, ווי באזוכן ביים דאקטאר, נעמען די נויטיגע מעדיצינען, מאכן אפוינטמענטס און ווייטער.

"ס'הערט זיך ווי א פשוט'ער געדאנק, אבער עס קען מאכן דעם חילוק צווישן לעבן און דאס פארקערטע," באטאנט ר' נפתלי. די סיבה איז זייער פשוט, ווי געטריי קינדער זאלן נאר פרובירן צו באזארגן די עלטערן, שפירט זיך עס צומאל ווי נישט גענוג און ווי ס'איז דא א מקום פאר פארבעסערונג און בעסערע צוזאמענארבעט.

אין אנדערע פעלער פעלט זיך פשוט אויס קאארדינאציע. א טאטע האט צען קינדער און יעדער טיילט זיך אויף אן אמת איין מיט דער ארבעט אבער ווער באגלייט זיי און שטייט "איבער" די קינדער זיכער צו מאכן אז ער ווייסט זיין טייל און טוט זיין טייל פון דער ארבעט.

דער קעיר מענעדזשער נעמט אראפ אט די דאגה פון קאפ, און די קינדער קענען זיין רואיג אז די געזונט חלקים פון די עלטערן ווערן קעיר גענומען אויפ'ן בעסטן אופן.

פארשטייט זיך אז א קעיר מענעדזשער איז אויך עוועילעבל ווען א יונגער מענטש איז נישט געזונט, אבער ווען א יונגער טאטע פון קינדער איז נישט געזונט מיינט עס אין געוועינליכע פעלער אז מ'דארף צושטעלן הילף פאר די גאנצע שטוב און נישט בלויז פאר'ן נישט געזונטן ראש המשפחה, ווייל ווען דער טאטע אדער די מאמע איז נישט געזונט איז כמעט אוממעגליך עס זאל נישט נאכקומען פראבלעמען און זייטיגע ווירקונגען.

## [5]
## א ים פון סערוויסעס

וויבאלד דער ציל איז צו גיין גרויס און ארומנעמענד און נישט לאזן קיין שום זייט פון די געברויכן פון א קינד אומבאהאנדלט, ציילן זיך די סערוויסעס אין די צענדליגער און ס'איז שווער אין איין ארטיקל ארומצונעמען וויפיל ערליי סערוויסעס א קינד קען באקומען אין די ראמען פון 'קאמפארט העלט', טאקע ווייל די ענדגילטיגע מיסיע איז נישט אויסצולאזן קיין שום פרט.

"א קינד קען באקומען מערערע סערוויסעס," זאגט ר' הערשל. ער גיט אונז א ביישפיל אויף א זייטיגע סערוויס ווי די אפרו (respite) סערוויסעס וואס ווערט צוגעשטעלט אין פאל ס'איז בעסער פאר'ן קינד נישט צו זיין אין שטוב פאר א ווייל'ע אדער אין פאל פון א קריזיס ווען מ'מוז ארויסנעמען דאס קינד פונדערהיים אויסצוקלארן די לופט.

אן אנדערן אופן פון אפרו סערוויס איז דייקא ביים קינד אינדערהיים ווי קאמפארט העלט וועט צושטעלן איינער וואס זאל אריבערקומען ארויסנעמען דאס קינד אויף א פאר שעה במשכ'ן טאג, לערנען אינאיינעם, גיין שאפינג, פארברענגען מיט'ן קינד אינדרויסן פון שטוב, צו געבן פאר די עלטערן אביסל הרחבת הדעת און מנוחה און אפאר מינוט זיך צו כאפן דעם אטעם.

נאך א גאר שטארקע סערוויס רופט זיך "קאמהעב", וואס געט אזויפיל ווי פיר שעה א טאג פאר א מחנך אדער מחנכת צו ארבעטן "וואן-אן-וואן" מיט'ן קינד אויף צילן און דערגרייכונגען לויט ווי נויטיג, צו פארזיכערן אז דאס קינד קומט אן אין אלע היניזיכטן ווי זיין\איר פאטענציאל און דערגרייכט די געגארטע צילן לויט'ן יארגאנג פונעם קינד.

אן אנדערע סערוויס רופט זיך "פריוואק", וואס דאס איז געאייגנט פאר צענערלינגען פון פערצן יאר און ווייטער וואס דעקט סיי וועלכע טרענירונג זיך אויסצולערנען לעבנס סקילס, פאר 2 שעה א טאג, וואס ווען עווענטועל העלפן צו באקומען א דזשאב.

צום ביישפיל, אויב לערנט דאס קינד אין א ישיבה וואס שטעלט צו סיי וועלכע טרענירונגס קלאסן ווי מוזיק אדער קאמפיוטערס, וועט דאס געדעקט ווערן דורך די "פריוואק" פראגראם. אין אנדערע פעלער קען מען עס אויסברייטערן און פארהיימישן דעם פראגראם, א שטייגער אויסלערנען דעם בחור'ל בינדן ספרים ווארום ער לערנט זיך די פאך פון בינדעריי, צושטעלן פאר א מיידל באקן אדער ארט קלאסן, און אפילו

ווען דער בחור'ל שניידט טאמאטעס אין קאך, אדער איז גבאי חק"ס אין ישיבה, קען עס אויך פאלן אונטער די ראמען פון "פריוואק" און ער קען געניסן פון באזונדערע הילף און רעסורסן דערפאר.

## אינפארמירן דעם ציבור

וויבאלד די אויסוואלן זענען אזוי גרויס און דעקן א גאר ברייטן ספעקטרום פון אלערליי הילף און סערוויסעס, פאדערט זיך פאר 'קאמפארט העלט' א זייטיגע אונטערנעמונג, פשוט צו אינפארמירן און אויפוואכן דעם ציבור, צו אויסשרייען אז ס'איז דא הילף און ס'איז דא פאנדס און מ'דארף פשוט קומען נעמען. זאגאר א רעוואלוציע אינערהאלב פיזישע און מענטל הילף מעגליכקייטן שפילט זיך אפ אונטער'ן ראדאר.

ווי אנדערש איז דער היינט פונעם נעכטן. ביז יעצט האט מען פאר יעדע זאך גדארפט שאפן באזונדערע פאנדס און די רעגירונג האט נאר געצאלט פאר די גרויסע לעכער, ווען עס האט שוין געברענט א פייער און דאס קינד האט געהאט א ספעציפישע דיאגנאזירטע מענטל-העלט אישו, און אפילו אין אזעלכע פעלער זענען די זייטיגע נאכפאלגן און תוצאות פונעם פראבלעם נישט באהאנדלט געווארן.

פון דער אנדערער זייט זענען עלטערן געווען אין דער טונקל און האבן נישט געהאט די מינדעסטע אנונג וויאזוי זיך אפצוגעבן מיט א קינד, וואו צו שאפן די נויטיגע דיאגנאזן אדער צו וועלכן דאקטאר מען זאל גיין. אין פילע פעלער האט מען זיך געטראפן צעמישט און דעמאראליזירט ווען איינער זאגט אזא מיינונג און דער אנדערער זאגט א פארקערטע מיינונג און דאס גארטל ווערט געשלעפט אין אלע ריכטונגען.

אצינד הערשט קלארקייט. די עלטערן באקומען די נויטיגע אנווייזונגען און טאקע דורך א קעיר מענעדזשער וואס איז נישט קיין פרעמדער "עצה געבער" נאר א נאנטער צום קינד וואס ליגט אין די קעיס מיט הארץ און לעבן און האט ארויס דעם גאנצן מצב און ארומיגע בילד, סיי אין חדר, סיי אין שטוב און האט צוטריט צו סיי וועלכע נויטיגע רעסורסן דורך די ראמען פון 'קאמפארט העלט' און מיט א פרייע האנט צוצושטעלן סיי וועלכע פלאן און ציל וואו מ'וויל און מ'דארף אנקומען מיט'ן קינד, בס"ד.

## [6]
## הילף דורכ'ן מוסד

א הויפט ראלע אין די אייגנארטיגקייט און ווירקזאמקייט פון די קעיר מענעדזשערס איז דער פאקט אז די ארבעט ווערט געטון פון אינערהאלב דעם מוסד וואו דאס קינד לערנט אויב די עלטערן זענען אז לויט'ן געברויך דארף דער מוסד זיין פארמישט.

אויסער וואס דאס קינד האט א נאנטע און פריינטליכע פנים צו זיין זייט, און אויסער דעם פאקט אז א קינד געפינט זיך מערסטנס שעות אין טאג אין חדר\שולע און דארט פאדערט זיך די מערסטע אויפמערקזאמקייט, איז דער זייטיגער בענעפיט, אז אזוי לייגט מען א דגש אויף דעם גאנצן "ארום און ארום" פונעם קינד, ווי די געזעלשאפטליכע באציאונגען אין חדר\שולע, וויאזוי דאס קינד איז אין קלאס צימער און צי ער מאכט די נויטיגע פראגרעס אין די לימודים און הבנה, און מ'קען פארזיכערן מיט א נאנטן און גרינטליכן אויג אז דאס קינד בליט און וואקסט און האלט מיט ווי יעדער נארמאלער קינד.

די סערוויסעס פון 'קאמפארט העלט' האט זיך טאקע ארויסגעשטעלט צו זיין אן אויסטערלישע הילף פאר די עלטערן אז זיי זאלן קענען פונקציאנירן און זיין פראדוקטיוו אין פאל א קינד פאדערט באזונדערע הילף און אויפמערקזאמקייט און אלעס ווערט געטון אין גענצליכע צוזאמענארבעט מיט'ן קינד'ס אייגענעם מוסד.

"אומגעפער צען פראצענט," איז ר' הערשל'ס רויע אפשאצונג וויפיל קינדער אין א געווענליכע חדר אדער שולע נויטיגן זיך אין באזונדערע באגלייטונג און ווי ער זאגט, אויב עפעס האט אים איבערראשט במשך די לעצטערע חדשים, איז די געוואלדיגע געטריישאפט פון די היימישע מוסדות התורה וועלכע זענען אזוי איבערגעגעבן צו יעדן אינדיווידועלן קינד.

ביז היינט האט מען אויך איינגעלייגט וועלטן און די געטרייע הנהלות האבן געטון וואס אימער אין זייערע מעגליכקייטן צו שטעלן די קינדער אויף גוטע רעלסן, ווי מאכן א "חדר עזרה", צושטעלן פריוואטע מלמדים און אפילו אריינברענגען טעראפיסטן ווען נויטיג.

דער פראבלעם איז פשוט געווען אז נישט אלעמאל האט מען געהאט די נויטיגע פאנדס און עקספערטיז, און בכלל, דארף מען גדענקען, אז א מוסד איז אוועקגעשטעלט אז עס זאל ארבעטן פאר'ן רוב און ס'דא א גרעניץ וויפיל מ'קען זיך אפגעבן מיט איין ספעציפישן קינד. אבער טאקע דערפאר, ווייל די הנהלות זענען קרובים אל החלל און זיי פארשטייען דעם גרויסן געברויך און וויפיל מ'קען אלץ אנקומען מיט די ריכטיגע טריטמענט זענען זיי די ערשטע צו באגריסן די נייע פראגראם און וועלן ארויסגיין פון וועג מיטצוארבעטן מיט 'קאמפארט העלט' און מיט די גרעסטע שמחה.

"זיי ווייסן גוט ווער עס דארף הילף," רעאגירט ר' הערשל צו דער פראגע וויאזוי עס ווערן אויסגעוועלט די קינדער וואס זענען געאייגנט פאר דעם פראגראם. דער פראבלעם איז פונקט פארקערט. דער מלמד אדער לערערין האלט שוין איינמאל אז דאס קינד ברויך הילף אדער זייטיגע באגלייטונג, אבער נישט אלעמאל איז געווען צו וועמען צו רעדן; אמאל איז געלט א פראבלעם, אמאל האבן טאטע מאמע נישט קאפ און מח זיך אפצוגעבן דערמיט און דאס קינד האט געליטן און געשוויגן, דער מלמד האט געליטן און געשוויגן, און צומאל האט די גאנצע כיתה געליטן און געשוויגן אין דער צייט וואס דער פראבלעם קאכט זיך ווי אין א קעסל און דאס קינד ווערט פארוואנדלט אין א פאס פולווער וואס באדראעט אויפצורייסן אין יעדער ליאדער מינוט.

איין זאך וואס ערפארונג האט געוויזן קלאר: קיינער פארשטייט נישט אזוי גוט די געברויכן פון א קינד אדער תלמידה ווי די איינגעשטעלטע אין אן אייגענעם מוסד. קיינער פארשטייט נישט וויאזוי מ'קען אדרעסירן דעם קינד'ס געברויכן אויף די מערסט אפעקטיווע און פראדוקטיווע וועג ווי זיינע אייגענע געטרייע מלמדים און לערערינס.

אין אנדערע ווערטער איז דער פאקט אז אין פיל פעלער איז דער מצב בכלל נישט פארוואלקנט און קלארקייט איז נישט דער פראבלעם, דער מנהל ווייסט וואס פעלט, ער ווייסט גענוי וואס מ'דארף טון, דער פראבלעם איז פשוט אז די ידיעה אליין העלפט גארנישט אויב איז נישטא ווער עס זאל טון למעשה און ס'איז נישטא דאס געלט דערפאר. 'קאמפארט העלט' פילט אן די צוויי לעכער. יעצט איז שוין דא ווער עס זאל טון און יעצט איז אויך דא די נויטיגע פאנדן דערפאר, אז קיין שום קינד זאל נישט ווערן איבערגעלאזט אויפ'ן וואסער און בלייבן צוריקגעשטאנען.

אבער אפילו ווען עס ווערט געשטעלט אלס קעיר מענעדזשער אן איינגעשטעלטער פון אינערהאלב א מוסד איז געוויס נישט פשט אז כל הרוצה ליטול את ה'פאסטן יבוא ויטול און עס ווערט נישט געטון בלינדערהייט, נאר נאכ'ן זיך דורכרעדן מיט די הנהלה, ווי דער מנהל אדער מנהלת פון חדר\שולע, צו זיכער מאכן אז דער איינגעשטעלטער איז טאקע געאייגנט פאר דער פאזיציע, נעמט מען יענעם אויף.

די זאך גייט בעצם טיפער. ר' הערשל באטאנט ווי דאס איז נישט בלויז א "צוזאמענארבעט" מיט די מוסדות נאר אין רוב פעלער איז עס ווי א בשותפות'דיגע איניציאטיוו און פארקערט גאר, דער מוסד איז אויסן עס צו מאכן ארבעטן און זען אז דאס קינד זאל ווערן אנגעשלאסן אין 'קאמפארט העלט'.

"זיי ווערן אליין די קעיר מענעדזשערס," האקט אריין ר' מאטי און ערקלערט די עומק הדברים: "אין יעדן מוסד איז דא דער אחד יחיד וואס צייכנט זיך אויס מיט א באזונדערע געפיל און פארשטאנד פאר קינדערלעך מיט שוועריגקייטן. אמאל איז עס דער מנהל, אמאל איז עס א ווארעמהארציגער מלמד און אמאל איז עס א זייטיגער משפיע צי כדו', נאר אין פיל פעלער זענען זייערע הענט געבינדן מיט ווייניג רעסורסן, אדער זענען זיי שוין אויסגעברענט פון טון אומגעבעטענע עסקנות נאכ'ן נישט האבן די ריכטיגע מיטארבעט אדער מהלכים. זיי ווערן עווענטועל די קעיר מענעדזשערס און אצינד קענען זיי זיך אפגעבן מיט די קינדער אויף א פראפעסיאנעלן וועג מיט די מערסטע רעסורסן צו דער האנט."

## טראומא איז בלויז א שורש

אונטערצושטרייכן ווי ווייט מ'קען נישט וויסן וואס איז דער שורש פון א פראבלעם, און ווילאנג מ'קוקט נישט מיט א טיפן און גרינטליכן בליק אויף א קינד, ווייסט מען נישט וואו ס'איז דער לאך אין שיף, דערציילט ר' מאטי א ביישפיל פון לעצטנס:

ס'איז געווען א קינד וואס האט זיך געפערליך געמוטשעט און זיך נישט געקענט צושטעלן צו א קלאס סטרוקטור און זיך געטראפן אינו מן הישוב, אזוי ווייט אז דער מוסד וואו ער האט געלערנט האט אים נישט געלאזט קומען אין קעמפ און עס האט גדראעט אז דאס קינד זאל דארפן זיצן א גאנץ זומער אינדערהיים.

"ביז יעצט האט מען געקענט צושטעלן א קעיר מענעדזשער נאר ביי עקסטרעמע פעלער, יעצט איז דאס געווארן א נחלת הכלל."



ווען מ'האט אנגעהויבן באהאנדלען דעם קינד און צוריקקריכן צו די שרשים פון זיינע שוועריגקייטן האט זיך ארויסגעשטעלט, ווי דאס קינד איז שוין ליידער אן אנגעהויפנטע בארג פון פראבלעמען. אלעס האט זיך אנגעהויבן מיט פינף יאר פריער ווען אויף זיין גאס איז א קינד אראפגעפאלן פון א הויכער טעראסע און ליידער אומגעקומען אויפ'ן פלאץ פון די וואונדן ה"י. אט דאס קינד האט אויך געוואוינט אויף א הויכע שטאק און נאך דער שרעקליכער פאסירונג איז ער אריינגעפאלן אין א פחד אז עס קען פאסירן צו אים אויך און מיט דעם האט זיך געענדיגט זיין געווענליך לעבן.

אט דאס קינד האט געליטן פון א פשוט'ער דיאגנאז פון PTSD ("פאסט טראומאטישע סטרעס דיסארדער") און וויבאלד ס'איז איגנארירט געווארן איז עס פארוואנדלט געווארן אין א מאנסטער. יעצט נאך פינף יאר האט ער נישט געהאט קיין נארמאלע באציאונגען מיט קיין מענטשן, ער האט זיך נישט אויפגעפירט נארמאל אין חדר, וואס האט געברענגט אז אין שטוב האט ער זיך נישט פארשטאנען מיט די עלטערן און נישט באקומען די נויטיגע מאס ליבשאפט און אויפמערקזאמקייט, ביז דאס קינד איז געשטאנען א האר אפגערוקט פון א פולקאמער צוזאמענבראך.

אודאי איז אצינד געווען די אויפגאבע פונעם קעיר מענעדזשער אויפצוקומען מיט די ריכטיגע באהאנדלונג פאר PTSD, וואס איז דער שורש פון אלע זיינע פראבלעמען. אבער צי דען איז דאס גענוג? אויב פאקטיש האט דער פחד שוין גענעסטעוועט פאר פינף יאר און אנגעזייט אומגעהויערע חורבנות קען מען מער נישט באהאנדלען בלויז די טראומא פונעם קינד נאר גענוי אזוי אויך אלע ארומיגע נאכפאלגן וועלכע האבן אזוי שווער געווירקט אויף אים.

דער קעיר מענעדזשער האט זיך גרינטליך אריינגעלייגט אינעם קעיס, און צו מאכן א לאנגע מעשה קורץ, נאך וואס דאס קינד האט באקומען די נויטיגע עמאציאנעלע הילף און באגלייטונג איז ער נשתנה געווארן לילד אחר און האט געקענט גיין אין קעמפ פונקט ווי א געווענליך קינד.

## א סוקסעס געשיכטע

ווען מיר בעטן פאר א סוקסעס געשיכטע ווייסן די אנווענדע נישט וואו אנצוהייבן צוליב די טעגליכע פרישע ווארע וואס הערט נישט אויף קומען ב"ה. נאך א מינוט טראכטן וועלכע אויסצואוועלן הייבט ר' מאטי אן שילדערן א פאל וואס ער האט אליין מיטגעהאלטן ווי א שטוב

וואס האט שוין געהאלטן כמעט לאחר יאוש איז אינגאנצן אויפגעראכטן געווארן נאכ'ן זיך אנשליסן אין 'קאמפארט העלט' (מינדערוויכטיגע פרטים געטוישט צו היטן אויף די אידענטיטעטן):

די רעדע איז געווען פון א יונגערמאן א טאטע פון קינדער וואס האט ליידער אנטוויקלט אן עקסטרעמע פאל פון בייפאלער דיסארדער אזוי אז ער איז פשוט געווען אומפראדוקטיוו און נישט געזונט. דער מצב האט זיך דערקייקלט ביז דער טאטע איז אנגעקומען נעבעך אין שפיטאל.

דער שווערער מצב האט אויסגעקלאפט אויפ'ן שלום בית און דער מצב איז געווען אזוי פארלוירן אז זיין פרוי האט אויפגעהויבן ביידע הענט אין יאוש און גע'טענה'ט אז זי קען נישט מער, זי קען נישט זיין סיי א מאמע פאר די קינדער, סיי א פרנסה פארזארגערין און אין צוגאב זיך אפגעבן מיט א מאן וואס איז פיזיש און גייסטיש נישט געזונט. די גאנצע שטוב איז געפארן כאדאראם, ס'איז נישט געווען ווער ס'זאל זיך אפגעבן מיט די קינדער נישט ברוחניות און נישט בגשמיות. א האר האט געפעלט אז די גאנצע שטוב זאל אונטערגיין.

בשעת וואס דער טאטע איז געווען אין שפיטאל, האט מען צעטיילט די קינדער צווישן די ארומיגע משפחה מיטגלידער האפנדיג אז דער מצב וועט זיך באיזה אופן סטאביליזירן. ווען דער מאן איז אהיימגעקומען פון שפיטאל האט ער נישט געהאט וואו צו גיין. זיין פרוי האט אים נישט געוואלט אריינלאזן אין שטוב מיט דער טענה אז זי קען שוין נישט און זי גייט אונטער. "מאכט אים געזונט און דערנאך ברענגט אים אהיים," האט זי גע'טענה'ט. אויך זיינע עלטערן האבן אים נישט געקענט אהיימנעמען ווייל זיי האבן שוין געהאט עטליכע פון זיינע קינדער אינדערהיים און דער מצב האט אויסגעזען איום ונורא.

"דעמאלט איז דער קעיס אנגעקומען צו אונז," שילדערט ר' מאטי. צום ערשט האט דער קעיר מענעדזשער בארואיגט די פרוי אז ס'איז נאכנישט לאחר היאוש און מ'גייט מאכן א פלאן. די רגע יעדער אין דער משפחה האט געזען ווי א קעיר מענעדזשער איז געשטעלט געווארן צו מאכן א ציל וואו מ'גייט אנקומען און וויאזוי זיך צו העלפן איז מען שוין געווארן רואיגער.

ווי נאר דער קעיר מענעדזשער איז געווארן מער אריינגעמישט אין דעם קעיס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אויף מערערע קינדער אין די משפחה זעט זיך ליידער אן די שווערע דורכגאנג און די איבערלעבענישן אין שטוב האט אויסגעקלאפט אויף זייער עמאציאנעלע געזונט. אריינקריכנדיג טיפער האט ער באגעגנט ווי די מלמדים רעדן זיך אפ אז די קינדער פירן זיך נישט אויף געזונט סאציאל, זיי רעדן נישט מיט אנדערע קינדער געהעריג און האלטן נישט מיט די לימודים אין חדר.

ווי פארשטענדליך איז א הויפט פראבלעם געווען אז ס'איז נישט געווען קיין טאטע צו וועם מען קען רעדן, זיכער נישט אויף צו באצאלן אויף צו צושטעלן פריוואטע מלמדים. ווען דער קעיר מענעדזשער האט גערעדט מיט איינעם פון די מנהלים, איז ער געוואויר געווארן, אז ער פלאנט נישט צוריקצונעמען איינעם פון די קינדער, א פופצן יעריגער בחור'ל, צום קומענדיגן זמן, פשוט ווייל דער בחור באלאנגט שוין נישט אין א געוועלנליכער ישיבה און ער שלעפט אראפ דעם גאנצן קלאס.

מ'איז געזעסן מיט דער פרוי און ערקלערט אז בכדי צוריקצושטעלן די משפחה אויף די פיס מוז זי זיין טייל פון די הילף, נישט טייל פונעם פראבלעם, און זי קען זיך נישט אינגאנצן אויסשאלטערן. מ'האט געמאכט קלענערע צילן פאר איין חודש און גרעסערע צילן אויף ביז דריי חדשים. דער מאן האט אנגעהויבן זען א גוטן טעראפיסט. מ'האט אריינגעמישט זיין רב וועלכער האט אלעס גע'פסקנ'ט מיט דעת תורה. מ'האט געשטעלט א געהילף זאל באגלייטן דעם מאן מיט אלע זיינע דאקטאר אפוינטמענטס און באזוכן ביים פסיכיאטער, זיכער מאכן אז ער האט און ער נעמט די מעדיצין און האלטן אן אויג אויף אלע זיינע געברויכן.

באזונדער האט זיך דער קעיר מענעדזשער אראפגעזעצט מיט'ן מנהל פון יעדן קינד און געבויעט א פלאן אינאיינעם מיט די פראפעסיאנאלע שטאב פון "קאמפארט העלט" און דערביי צוגעשטעלט א באזונדערער קעיר מענעדזשער פאר די קינדער. פאר'ן יונגן בחור'ל האט מען צוגעשטעלט א פריוואטן מלמד; פאר דער צען יעריגער ווידערשפעניגער טאכטער האט מען צוגעשטעלט א שטוב איינצושטיין ביז דער מצב ווערט סטאביליזירט אין דער צייט וואס אלעס ווערט געדעקט דורך קאמפארט העלט אדער דורך זייער אינשורענס מיט וועם קאמפארט העלט האט געקעמפט זיי זאלן דעקן זייער טייל.

ווי פארשטענדליך האבן די רעזולטאטן נישט געשפעטיגט צו קומען; אלע קינדער זענען ב"ה געבליבן אין זייערע מוסדות און זענען אויף א שטארקן פלאן מיט'ן ציל צו ווערן צוריק איינגעגלידערט אין חדר\שולע אויף הונדערט פראצענט אן איבערלאזן קיין שום רושם אדער זייטיגע ווירקונג.

און פלוצלינג האט די גאנצע ארומיגע משפחה מיטגעארבעט. יעדער האט געזוכט מיט וואס מ'קען העלפן; איינער האט ארויסגענומען די קינדער פאר א וויקענד, א צווייטער האט אנגעטראגן אנדערע הילף, און וואונדער איבער וואונדער, ביז אפאר חדשים איז די שטוב צוריק ארויף אויף די רעלסן טראץ וואס די אויסזיכטן זענען געווען אזוי מינימאל און יעדער האט געהויבן הענט.

נאך אן עפיזאד אבער אויף אן אנדערן פארנעם איז געווען מיט א מיידל וואס האט נישט מיטגעהאלטן די לימודים אין שולע און דערצו איז זי געווען שטארק הייפעראקטיוו אויף אזוי ווייט אז די שולע האט געמאלדן, אז דאס קינד קען מער נישט קומען אין שולע אנגעהויבן פון מארגן.

די עלטערן זענען געווען אובד עצות און האבן ממש נישט געהאט צו וועמען זיך צו ווענדן, ביז זיי זענען בחסדי ה' אנגעקומען צו קאמפארט העלט, וואו די חשוב'ע מרת פריינד, די אינטעיק סופערווייזער, איז געווארן שטארק אריינגעמישט. זי האט פערזענליך אנגעקלינגען די שולע און זיך אריינגעווארפן בעובי הקורה פון קעיס. ווען די שולע האט געזען ווי אזא ערנסטע מוסד איז פארמישט געווארן און נעמט פולע אחריות צוצושטעלן אלע געברויכן האבן זיי פארזיכערט אז דאס קינד וועט קענען בלייבן אין שולע.

מרת פריינד האט דאן אראפ געשיקט אין שולע א היימישע פראפעסיאנאלע פרוי צו מאכן אן אסעסמענט איבער דאס קינד און ס'האט זיך שנעל ארויסגעשטעלט אז דאס קינד ליידט פון ADHD. מען האט נאך יענע וואך צוגעשטעלט א קעיר מענעדזשער וועלכע האט זיך באלד גענומען צו דער ארבעט צו טרעפן די ריכטיגע טעראפיסטן, טרעפן באָרד אוו עדוקאציע סערוויסעס וואס זענען פאסיג פאר'ן קינד און אין דער זעלבער צייט צוגעשטעלט א קאמהעב איינגעשטעלטע צוצולערנען פריוואט מיט'ן קינד די לימודים וואו עס פעלט זיך אויס.

באזונדער איז צוגעשטעלט געווארן א פראפעסיאנאל וואס זאל ארבעטן מיט די לערערינס וויאזוי זיך אומצוגיין מיט'ן קינד און וויאזוי צו לערנען מיט איר. פאר די שעות נאך שולע האט מען צוגעשטעלט איינעם וואס זאל ארויסנעמען דאס קינד פאר עטליכע שעה. עס האט נישט גענומען לאנג און דאס קינד איז אינגאנצן געטוישט געווארן און די עלטערן און די לערערינס שעפן הויפנס נחת און יעדער איז העכסט צופרידן, אז קאמפארט העלט מאכט שוין פלענער וויאזוי זיך צוביסלעך זיך ארויסלאזן פונעם קעיס און אלעס אן איבערלאזן סיי וועלכע איינדרוקן אז דא האט מען אמאל געהאנדלט פון א ביטער שווערן פאל.

## [7]
## אריין און ארויס

"פון א ביזנעס שטאנדפונקט," באטאנט ר' הערשל אפנהארציג, "וואלט זיך אפשר געלוינט אויסצושטעלן די פראגראמען ווי עפעס וואס לאזט דאס קינד צוגעבינדן דערצו און האלט אים אונטער די 'קאמפארט העלט' ראמען ווי לענגער." דאס איז אבער נישט זיין ציל. ער וויל עס דוקא נישט זען ווי קיין לאנגטערמיניגע סעסיעס מיט ענדלאזע צילן. "די הויפט מאטא פון 'קאמפארט העלט' איז: גע'טובל'ט און ארויס..."

ר' הערשל'ס וויזיע און ציל איז אז 'קאמפארט העלט' זאל זיין דער "גאו-טו" פלאץ פאר הילף און פאנדינג פאר סיי וועלכע שוועריגקייט עלטערן באגעגענען אונטערוועגנס מיט זייער קינד, אבער טאקע מיט'ן פלאן צו באהאנדלען דאס קינד שנעל און עפעקטיוו און פטור ווערן פון דעם פראבלעם ווי אמשנעלסטן, אז דאס קינד זאל ווייטער זיין דאס געוועלנליך קינד וואס דארף נישט קיין שום הילף אדער באגלייטונג.

"מיין וואונטש איז צו זען די קינדערלעך אויפוואקסן געזונט ווי פון וועלכע שטיבער זיי קומען," זאגט ר' הערשל, ווען אן ערנסטע מינע שפרייט זיך אויס אויף זיין פנים. זיין ציל איז צו לאזן ווי ווייניגער חותם אויפ'ן קינד, טאקע ווייל ער איז דא בלויז פאר "פריוועשאן" און צו פארמיידן פראבלעמען, נישט צו האלטן דאס קינד פארבינדן אין קייטן פון טעראפי ווען ס'איז אומנויטיג.

"די קינדערלעך קומען דאך פון פיינע נארמאלע שטיבער, טא, אונזער ארבעט איז פשוט ארויסצוהעלפן די עלטערן ערפילן די וואונטשן פון יעדע טאטע מאמע, צו דערציען זייערע דורות אין די פוסטריט פון די עלטערן, אויף א געזונטן שטייגער, און נישט לאזן חלילה א קליין שטיינדל אדער בערגל פארדרייען די יוצרות און פארוועלקן דעם שיין בלומל וואס האלט אינמיטן וואקסן."

מיט טיפערע ברילן איז דער ארומנעמענדער ציל וואס שאפט די אייגנארטיגע 'קאמפארט העלט' גענע, אז יעדעס קינד זאל קענען אריינפאסן אין זיין מוסד און אין זיין סביבה און קענען מיטהאלטן די געוועגליכע סטרוקטור פון א קלאס צימער מיט'ן אים ארויסהעלפן פאר א קורצע צייט אפשניט צו באזייטיגן סיי וועלכע פאקטארן עס שטערן אים פון "פיטן אין די באקס" און אויסוואקסן א געזונט קינד אין אלע הינזיכטן, פיזיש און גייסטיג.

אויב ביז היינט איז געווען די סטראטעגיע צו ארויסנעמען קינדער וואס נויטיגן זיך אין הילף, זיי צו שיקן אין חדר עזרה אדער אין א ספעציעלע שולע, זאגט ר' הערשל אז נייע צייטן קומען; ער זעט אן צווייטע וויזיע פאר די אויגן, נעמליך, "אויסצובערייטערן די באקס", אז א געוועגליכע מוסד זאל האבן די מערסטע הילף און די מערסטע כלים צו קענען אקאמאדירן און אריינעמען ווי מער קינדער, און די סטרוקטור פון א געוועגליכן מוסד זאל זיין געאייגנט אפילו ווען א קינד האט א געוויסע באגרעניצונג, טאקע ווייל דער מוסד האט די מיטארבעט און הילף פון 'קאמפארט העלט' און זיי ווייסן אז די זייטיגע שוועריגקייט זענען נאר צייטווייליג און ווערן באזונדערט באהאנדלט, באגלייט און געלעזט. און






וויכטיגער פון אלעם, אפילו ווען עס מאכט זיך א פראבלעם מיט א קינד, ווייסט די הנהלת המוסד אז ס'איז טאקע נאר דאס, א פראבלעמלע, און עס ווערט באהאנדלט עס זאל פארבלייבן אויפ'ן קלענסטן און לייכסטן אופן אן וואס עס זאל ברענגען ארומיגע קאמפליקאציעס אדער נאכפאלגן.

## עפילאג

"איך וויל זען דאס קינד געסעטלט," איז כמעט ר' הערשל'ס מאטא וואס ער חזר'ט איבער איינמאל און נאכאמאל. ס'איז א באשלוס פון טיפן הארצן צו ווילן זען יעדעס קינד אראפ פון דער ליסטע ווי איידער נאך א טאג אויף דער ליסטע.

דאס איז נישט בלויז גערעדט און געהאפט, נאר א הויפט טייל פונעם פראגראם! יעדעס קינד קומט בעז"ה מיט א "דיסטשארדזש" פלאן, דאס הייסט מיט א קלארן דאטום ווען מ'גייט אים זען אינדרויסן פונעם פראגראם. געהאלפן, און אראפ פון דער ליסטע.

דאס אז יעדעס קינד באקומט א דיסטשארדזש דאטום נעמט ארום דעם גאנצן כאראקטער פון 'קאמפארט העלט', וועמענ'ס ציל איז אז פראבלעמען און טריטמענט זאלן זיין בלויז א דורכגאנג, טאקע ווייל ער האט דעם ריכטיגן קוק ווינקל אויף קליינליכע שוועריגקייטן וואס דארפן נישט און טארן נישט ארויסגענומען ווערן פון פראפארציע, נאר ריכטיג געמאסטן און געוואויגן; נישט קלענער מאכן דעם פראבלעם און עס איגנארירן, אבער אויך נישט איבערטרייבן און אפשטעמפלען דאס קינד אדער סטיגמאטיזירן זיינע געברויכן און נויטיגע הילף, "ווי איינער וואס גייט צו טעראפי ווייל ער האט א ליספ," זאגט ר' הערשל האלב ווערטלדיג האלב ערנסט.

"ס'איז אלעס בלויז אויפ'ן שפיץ גאפל," זאגט ר' הערשל סוף פונעם שמועס שפירנדיג אז וויפיל מ'רעדט נאר איז מען אנגעקומען בלויז צום שפיץ פון קאמפארט העלט'ס אייזבארג, וואו יעדע פאל איז א באזונדערע מסכתא פאר זיך מיט "קאסטום מעיד" סערוויסעס, טאקע דערפאר ווייל ווען מ'נעמט אן אינדיווידועליסטישע צוגאנג שטעלט זיך עס אויס ביי יעדן קינד אנדערש און יעדע קינד באקומט זיינע באזונדערע געברויכן ווי א בן יחיד. "אויב איז עס איינעם נוגע קען ער זיך אלץ פארבינדן מיט אונזער פריינטליכער שטאב דורך אימעילן צו: info@comforthealthny.org" שטעלט ער פאר זיין גרייטקייט.

"יעדעס קינד האט די רעכט," הער איך פון הינטערוויילעכטס ווען איך שטיי שוין ביי דער מזוזה גרייט צו פארלאזן דעם קאנפערענץ צימער היפש אינספירירט און מיט ווירבלנדע מחשבות און געדאנקען. "יעדעס קינד האט די רעכט צו קענען אנקומען צו זייער חתונה געזונט און פריש און אויפשטעלן אן ערליכע און געזונטע אידישע שטוב," לויפט מיר נאך זיין שטימע זינט דעמאלט.